איש את רעהו יעזרו ולאחיו יאמר חזק

בחור היקר

# אין אידיש גערעדט

מיר רעדן דיין שפראך

שנה ב'- גליון מב'
פרשת עקב-ראה תשפ"א

י"ל ע"י
לוי יצחק שנעק
בעל מחבר ספרי יש לחקור
מגי"ש בישיבת אמרי שפר
להערות ולנדבות, ולכל עניני הגליון ולקבלת העלון בדוא"ל יכולן לפנות .
315-400-1818
1818yiddish@gmail.com

## פאר אלע דיינע פראבלעמען איז דא איין פשוט'ע עצה, אבער מ'טאר נישט טוישן די price tag

חיים, פארוואס ביסטו אזוי אנגעזעצט??? משה, איך וועל דיר זאגן די אמת, איך... האב... שוין... אויפגעגעבן!!! איך האב נישט קיין גשמיות... און נישט קיין רוחניות... פרנסה האב איך נישט... איך מוטשע זיך אזוי שטארק... איך האב שוין פראבירט אזוי סאך זאכן... און געווען ביי אזוי סאך קורסעס... און ס'האט גארנישט געהאלפן... נו, זיך מוטשענען אויף פרנסה איז טאקע זייער שווער, אבער ס'איז נישט אלעס... ווייל ס'איז דא די רוחניות'דיגע לעבן וואס א איד האט... אבער דאס האב איך אויך נישט, איך בין אויסגעטריקנט אינגאנצן... איך פיל נישט קיין חיות אין קיין דאווענען... און אין קיין לערנען...

**איך האב נישט קיין גשמיות און נישט קיין רוחניות, ווי קען איך דאס אויסהאלטן!!!!!**

ווען איך וואלט כאטש געהאט רוחניות, וואלט איך זיך געקענט טרייסטן... אבער נישט רוחניות און נישט גשמיות, דאס קען איך נישט... איך האלט עס נישט אויס...

חיים, איך הער דיין פראבלעם... און איך פארשטיי דיין פראבלעם, אבער זאלסט וויסן אז

**איך האב אן עצה, וואס וועט אוועקנעמען דיינע פראבלעמען, סיי אין רוחניות און סיי אין גשמיות...**

אבער דו טארסט נישט טוישן די price tag.....

משה, וואס price tag??? וואס מיינט price tag??? און וואו קומט דאס אריין???

חיים, א price tag מיינט 'די פרייז פון א זאך'. יעדע זאך דארף א פרייז, און מ'לייגט ארויף א tag, וואס אויפדעם tag שטייט די פרייז.

בסדר משה, איך פארשטיי שוין וואס ס'מיינט א price tag, אבער וואס מיינסטו מיטן נישט טוישן די price tag.

חיים, איך וועל דיר מסביר זיין בטוב... טעם... ודעת... אבער קודם א מעשה.

**מעשה שהיה כך היה.**

א אינגערמאן האט געוואלט קויפן א שיינע שטיקל דזשולערי פאר זיין ווייב, איז ער געפארן קיין 47 סטריט אין מאנהעטן, ער איז אריינגעגאנגען צו א דזשולערי סטאר, און ער האט ארומגעקוקט אהער און אהין, ער נעמט איין שטיקל, נאכדעם נעמט ער א צווייטע שטיקל. אינמיטן באמערקט ער, אז אין די קארנער ליגט א באקס, געמאכט פון גלאז, און דארט אינעווייניג ליגט א שיינע שטיין. האט ער געפרעגט דעם מוכר: "איך קען דיר עפעס פרעגן..." זאגט דער מוכר: "פארוואס נישט..." זאגט ער אים

**איך קען פארשטיין פארוואס??? ליגט די שטיין אין די 'באקס'.**

די פלאץ איז דאך זייער פארזיכערט, קודם זענען דא סעקיורעטי גארדס פאר מ'גייט בכלל אריין אין דער בנין. אין דיין געשעפט זענען דא צוויי טירן, און מ'קען נישט סתם אזוי אריינגיין, נאר קודם מוז מען קלינגען, און דו מוזט ארייבאזן, און נאכן דורכגיין די ערשטע טיר, איז מען נאכנישט אינעווייניג, נאר מ'מוז דורכגיין נאך א טיר, וואס דאס קען יענער נישט אויפמאכן, נאר ער מוזווארטן ביז דו באזט אים אריין, און ווען ער איז אינעווייניג, אפילו אויב ער וועט עפעס וועלן נעמען, קען ער נישט ארויסלויפן, ער מוז נאכאמאל דורכגיין ביידע טירן, און אויב דאס אלעס איז נישט גוט, וואס וועט העלפן די באקס?

**מ'קען אויפקראכן די באקס אין א סעקונדע...**

האט אים דער מוכר געענטפערט: "דו ביסט גערעכט, אוודאי האב איך נישט מורא אז איינער וועט גנב'ענען די שטיין, ווייל... די באקס העלפט נישט אנטקעגן גנבים... ווייל מיט איין קנאק איז די גלאז צעבראכן, נאר די באקס קומט צו באשיצן די price tag וואס ליגט אויף די שטיין... וואס?? האב איך גוט געהערט???

**דו ביסט נארמאל, דו שפארסט איין די price tag???**

יא ר' אינגערמאן, אזויווי דו הערסט, מיר שפארן איין די price tag.....

דער אינגערמאן איז געשטאנען און געקוקט אויפן מוכר, און נישט געקענט מחליט זיין אויב דער מוכר איז נארמאל אדער נישט, ווייל וויאזוי קען זיין אז א מענטש זאל מאכן א 'באקס' מיט א שלאס, פאר א price tag, אבער מצד שני זעט ער אויס זייער נארמאל, וואס גייט דא פאר... אזוי איז דער אינגערמאן געשטאנען און געקלאצט אויף דער מוכר, און נישט געקענט מחליט זיין צו ער איז נארמאל אדער נישט... דער מוכר האט דאס באמערקט... האט ער געזאגט פאר דעם אינגערמאן:

**איך וויל אייך פארציילן וואס ס'האט זיך אפגעשפילט אין מיין געשעפט אפאר חדשים צוריק**

איר זעט דער דימאנט וואס ליגט אין די 'באקס'. די שטיין איז ווערד בערך הונדערט טויזנט דאלער, און די שטיין איז געליגן צוזאמען מיט אלע אנדערע שטיינער, ווייל ס'איז נישט דא פון וואס מורא צו האבן. איין טאג האב איך באמערקט ווי איינער באטראכט די שטיין פאר אפאר מינוט, און תיכף נאכדעם איז ער געגאנגען צו איינער פון מיינע ארבייטער, און געוואלט באצאלן פאר די שטיין. בס"ד בין איך פונקט געווען אין די סטאר, און איך האב באמערקט ווי ער באקוקט די שטיין פאר נישט צו לאנג, און ער גייט צו און וויל באצאלן, און

**איך האב זיך געוואונדערט אז אזא גרויסע סומע איז דער מענטש גרייט צו באצאלן אזוי שנעל!!!**

איך האב געטראכט, מן הסתם איז דער איד אזא גביר אז ביי אים שפילט נישט קיין ראלע צו באצאלן הונדערט טויזנט דאלער, נו, איך בין זיכער מסכים צו פארדינען, וואס גייט מיר אן אז ער קויפט אזוי איינס/צוויי. אז איך האב שוין געזען די ערשטע חלק, האב איך שוין געוואלט זען די צווייטע חלק, מיט וואס גייט ער באצאלן די הונדערט טויזנט דאלער, קעש... טשעק... קרעדיט קארד... פאר מיר איז בעסער קעש, ווייל אזוי דארף איך נישט באצאלן קיין טעקס, ס'איז אלעס אונטערן טיש... און יא, צו מיין מזל האב איך געזען ווי ער נעמט ארויס קעש פון זיין טאש... און איך האב שוין געטראכט אין הארץ: 'ב"ה, איך גיי באמת מאכן אסאך געלט...'

אינמיטן מיין שמחה... באמערק איך אז די קעש זעט נישט אויס ווי הונדערט טויזנט דאלער... בין איך געגאנגען אביסל נענטער, און איך האב נישט געקענט גלייבן וואס איך זע, מיין ארבייטער האט גענומען נאר פינף טויזנט דאלער, און ער הייבט דאס אן איינצופאקן פאר דעם מענטש..... איך בין געווארן אויסער זיך, און איך האב געגעבן א שריי:

**"איז דאס נארמאל, צו נעמען בלויז פינף טויזנט דאלער פאר א שטיין וואס קאסט הונדערט טויזנט דאלער"!!!!!**

וואס גייט דא פאר, האב איך געשריגן... די צוויי קוקן מיר אן ווי פון די לבנה אראפ, און זיי פארשטייען נישט פארוואס איך שריי, דאס האט מיר נאכמער אויפגערעגט, פארוואס קוקט עטס מיר אן ווי 'די האן אין די בני אדם'. דו האסט כמעט געגעבן א שטיין וואס איז ווערד הונדערט טויזנט דאלער, פאר פינף טויזנט דאלער... דער ארבייטער זאגט פאר דער בעל הבית, קוק גוט אויף די price tag. איך גיב א קוק, איז מיר געווארן שווארץ פאר די אויגן.....

**איינער האט געפאטשקעט מיט די price tag.....**

ער האט אנגעקאטשקעט די ארגינעלע פרייז, פון הונדערט טויזנט דאלער, און געשריבן פינף טויזנט... ער האט דאס געוויזן פאר דער קויפער, און מסביר געווען פארוואס ער האט געשריגן, ווייל ער האט כמעט פארלוירן הונדערט טויזנט דאלער.

הגליון נתנדב ע"י
על המזון

דער מוכר האט חושד געווען אז דער קויפער האט אונטערגעשטעלט די גאנצע זאך... ער האט אנגעקאטשקעט די ארגינעלע פרייז, און אנשטאט דעם האט ער געשריבן פינף טויזנט דאלער... אבער ער האט אים דאס נישט געזאגט, ווייל ער האט דאך סעקיורעטי אייס... און ער קען דאס מברר זיין אין א מינוט...

תיכף נאך וואס דער אינגערמאן איז ארויס, איז דער בעל הבית געגאנגען צו די סקרין, וואו מ'קען נאכקוקן וואס ס'איז געווען אין די סטאר די גאנצע טאג. ער האט זיך אוועקגעזעצט, און געקוקט און געקוקט, אויף די קעמרע, פון ווען דער מענטש איז אריין אין זיין געשעפט, ביז ווען דער מענטש האט געוואלט באצאלן, און ער איז נישט געווען גערעכט, דער מענטש האט נישט געבאבערט מיט די פרייז...

**אבער ווער דען האט געטוישט די פרייז**

ער איז געווען מורא'דיג נייגעריג צו וויסן, ווער איז דער וואס האט געטוישט די פרייז??? און פארוואס??? ער מוז דאס וויסן, ווייל אפשר איז דאס איינער פון זיינע ארבייטער, און ער וויל נישט פארלירן נאך געלט. האט ער מחליט געווען אז ער גייט צוריקקוקן מיט די קעמרע טאג נאך טאג, ביז ער גייט טרעפן דער מענטש וואס האט דאס געטון.

**מ'האט געכאפט דעם פארשוין!!!**

נאכן אריינלייגן אסאך שעות, האט מען ענדליך געזען ווי איינער טוישט די פרייז... דער בעל הבית איז געווען זייער נייגעריג פארוואס האט יענער געטוישט די פרייז, האט ער אים אנגערופן, און געפרעגט:

**"פארוואס??? האסטו געטוישט די פרייז"!!!**

האט ער געזאגט: "איך האב נישט געקענט צוקוקן ווי פאר א נארישע שטיין, האסטו געשריבן אז ס'קאסט הונדערט טויזנט דאלער. אין מיינע אויגן איז די שטיין וואס קאסט הונדערט טויזנט דאלער, פונקט ווי די שטיין וואס קאסט פינף טויזנט דאלער.....

וועגן דעם מוז איך פארשפארן דעם price tag, ווייל צווישן אלע מבינים וואס קומען דא אריין, קומען אויך אריין מענטשן וואס האבן נישט קיין שום השגה אין דימאנטן, ממילא אין זייער אויגן איז א דימאנט וואס איז ווערד פינף טויזנט, פונקט ווי א דימאנט וואס איז ווערד הונדערט טויזנט, און זיי קענען ווערן אזוי אין כעס, אז זיי זאלן זיך באנארישן און טוישן די פרייז.

**משה, זייער א שיינע מעשה, אבער ווי קומט דאס אהער???**

חיים, איך וועל דיר מסביר זיין בטוב טעם ודעת. מענטשן מוטשענען זיך אויף פרנסה... מ'ארבעט אריין שעות ארוכות... מ'גייט פון איין קורס צום צווייטן... מ'פראבירט דאס און יענס... און מ'טוט אלע מיני השתדלות אז מ'זאל מצליח זיין... מ'איז אנגעצויגן... נערוועז ... מ'האט נישט קיין טאג און נישט קיין נאכט...

די זעלבע אין רוחניות, ס'זענען דא זייער אסאך מענטשן וואס דרייען זיך ארום ווי אויסגעקלאפטע הושענות, אן קיין שום חיות אין רוחניות... מ'איז אינגאנצן אויסגעטריקנט, איז נישט קיין חידוש אז מ'האלט דאס נישט אויס

**ווייל וויאזוי קען א מענטש אנגיין ווען ער האט נישט קיין רוחניות און נישט קיין גשמיות...**

אבער חיים, ס'איז דא גוטע נייעס, ס'איז דא זייער א פשוט'ע עצה... וואס די קליינע זאך וועט טוישן דיין לעבן, סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות. דו וועסט האבן א חשק... א ברען... און א געשמאק... אין דאווענען/לערנען, און אין יעדע זאך...

משה, ס'הערט זיך זייער מאדנע אז ס'איז דא איין עצה פארביידע. נו, לאמיר הערן וואס איז די גרויסע עצה...

## חיים, די עצה הייסט 'ברכת המזון בכוונה...

**דער חינוך [מצוה תל] שרייבט, אז ער האט מקבל געווען פון זיינע רבי'ס, אז ווער ס'איז געווארנט צו בענטשן בכוונה, וועט האבן פרנסה בכבוד... דער באר היטב [סימן קפה] שרייבט, אז אין ברכת המזון איז נישט דא קיין 'ף', ווייל ווער ס'בענטשט בכוונה איז נישט שולט אויף אים קיין 'אף' [צארן] אדער 'קצף', און ער האט ברווח פרנסה. דער מהרש"א [נזיר סו:] שרייבט, אז ס'זענען דא אסאך מקטריגים אנטקעגן די פרנסה פון א מענטש, אבער די מלאכים פון ברכת המזון בכוונה שלאגן זיך מיט די מקטריגים, אז ער זאל יא האבן פרנסה בריווח [דער שך שרייבט, אז אויב איינער איז נזהר צו בענטשן בכוונה, וועלן נישט שולט זיין אויף אים די ווערים נאך וואס ער שטארבט]...**

**משה, אז ברכת המזון העלפט אויף גשמיות זע איך שוין אז דו ביסטו גערעכט, אבער וואס האט ברכת המזון מיט מיין רוחניות...**

חיים, פאר מיר איז דאס אויך געווען א חידוש... אבער איך וועל דיר זאגן בקיצור... קודם וויל איך דיר פרעגן א קשיא, פארוואס אויב א מענטש עסט נישט שטארבט ער... דער מענטש שטארבט דאך ווען די נשמה פליהט אוועק... וואס האט די נשמה מיטן עסן וואס ס'איז א דבר גשמי???

נאר ס'שטייט אין פסוק אין די וואכנדיגע פרשה, 'כי לא על הלחם לבדו יחיה אדם, כי על כל מוצא פי ה' יחיה האדם...' זאגט ר' חיים וויטאל זצ"ל [מובא ברוח החיים פ"ג], אז מיר ווייסן אז די גאנצע בריאה איז באשאפן געווארן פון די דיבור פון דער באשעפער... און די דיבור האלט די זאך אז ס'זאל זיין א מציאות... קומט אויס אז יעדע דבר גשמי האט אין זיך אויך א דבר רוחני, וואס דאס איז די דיבור פון דער באשעפער... און די דבר רוחני מאכט אז די זאך זאל זיין א זאך, ווייל אן דעם באשעפער איז גארנישט בכלל א מציאות, און ווען דער מענטש עסט עפעס, איז די חלק הגשמי האלטביים לעבן די חלק הגשמי, און די נשמה האלט ביים לעבן די חלק הרוחני...

און דאס איז פשט אין פסוק 'כי לא על הלחם לבדו יחיה אדם' - אז א מענטש לעבט נישט נאר אויף די חלק הגשמי וואס דאס איז די ברויט, 'אלא על כל מוצא פי ה' יחיה האדם' - נאר א מענטש לעבט אויף די דבר ה'... און ווי דער של"ה הק' שרייבט [שער האותיות] פשט אין פסוק 'צדיק אוכל לשובע נפשו', אז ווען א צדיק עסט ווערט די נשמה געשפייזט, ווייל די נשמה דארף אויך עסן, נאר די נשמה לעבט פון די חלק הרוחני פון די עסן.

### בקיצור למעשה

ר' איד, דו ווילסט קענען זיין רואיג און האבן פרנסה בריווח, דו ווילסט פילן א טעם אין רוחניות... ווילסט נישט פילן ווי אן אויסגעקלאפטע הושענא, וואס האט נישט קיין רוחניות און נישט קיין גשמיות, דעמאלס טויש נישט די price tag פון ברכת המזון, נאר געדענק די ריכטיגע price tag פון ברכת המזון, און הייב אן צו בענטשן בכוונה, ווייל אויף ברכת המזון איז דא אן הבטחה אז דו וועסט האבן פרנסה בריווח ובניקל. נאכמער ווי דעם איז ברכת המזון בכוונה וויכטיג פאר די רוחניות, ווייל די נשמה דארף אויך עסן, און ער עסט די חלק הרוחני פון די עסן, און די וועג וואס די דבר הרוחני גייט אריין איז נאר מיט ברכת המזון...

**בקיצור די גוף לעבט פון די חלק הגשמי, און די נשמה לעבט פון די חלק הרוחני**

זאגט ר' חיים וויטאל, אז פונקט ווי מיר פארשטייען אז כדי די גוף זאל קענען לעבן פון עסן, איז נישט גענוג אז מ'לייגט סתם אריין עסן אין מויל... ווייל סתם אריינלייגן עסן אין מויל וועט גארנישט העלפן... נאר מ'דארף עס צעקייען, אז ס'זאל אריינגיין אין די מאגן, און ס'גייט אגאנצע סיסטעם אז די עסן זאל ווערן צעקייט, און ס'זאל ווערן מסודר. די זעלבע איז אין רוחניות, ס'דארף זיין עפעס וואס זאל מאכן אז די חלק הרוחני זאל קענען מחיה זיין די נשמה...

**און די ברכות איז די זאך וואס מאכט אז די חלק הרוחני זאל קענען מחיה זיין די נשמה...**

קומט אויס אז פונקט ווי מיר פארשטייען אז אויב מ'לייגט אריין עסן אין א מענטש, אבער דער מענטש האט ח"ו נישט קיין מאגן, וועט די עסן גארנישט העלפן, די זעלבע איז מיט די חלק הרוחני וואס ליגט אין די עסן, כדי די חלק הרוחני זאל קענען געבן כח פאר די נשמה, דארף מען האבן כאילו א מאגן, וואס דאס איז די ברכות, ווייל דורך די ברכות זאפט די נשמה איין די חלק הרוחני, און ער האט כח און געשמאק צו טון די רצון ה'.

**חיים, יעצט פארשטייסטו שוין פארוואס ברכת המזון האט שייכות מיט דיין זיין אויסגעטריקנט אין רוחניות**

ווייל אן ברכת המזון בכוונה, האט נישט די חלק הרוחני א וועג צו ווערן אנגעזאפט, ווייל ברכת המזון איז די 'טול' וואס מאכט אז די דבר ה' - די חלק הרוחני, זאל ווערן איינגעזאפט אין די נשמה...

**אין אָן ברכת המזון וועט די נשמה זיין אפגעשוואכט, און דער מענטש וועט זיין אויסגעטריקנט און אויסגעלאשן**

חיים, קומט אויס אז ברכת המזון בכוונה איז אן עצה סיי אויף גשמיות, וואס מיר האבן אן הבטחה, אז מ'וועט האבן פרנסה בריווח ובניקל, און ס'איז כאילו מ'באקומט unemployment, ווייל מ'קען זיין זייער רואיג, ווייל מ'האט אן הבטחה אז מ'וועט האבן פרנסה בריווח, און מ'קען האבן די קאפ אויפן פלאץ, און נישט זיין פאריאגט און פארפלאגט... און סיי ברוחניות, ווייל די נשמה דארף אויך צוקומען צו עסן... און אן עסן וועט ער שטארבן... און מיט ברכת המזון בכוונה טוט די נשמה באקומען די חלק הרוחני פון די עסן. ממילא חיים, האבן מיר א פשוט'ע עצה פאר דיינע ריזיגע פראבלעמען, **די עצה הייסט 'ברכת המזון בכוונה'.**

משה, זייער שיין, ס'איז טאקע הפלא'דיג, איך האב קיינמאל נישט געהערט וועגן דעם אז די נשמה דארף אויך עסן, און מיט ברכת המזון קען די נשמה איינזאפן די עסן, אז ער זאל קענען זיין פריש און געזונט.

**אבער משה, וואס האט דאס מיט די price tag???**

חיים, זייער פשוט. די חשבונות זענען טאקע זייער שיין אויף פאפיר, אבער דער מענטש האט עפעס א טבע, אז מ'טראכט אז ס'איז נישט ממש אזוי... ס'איז בערך אזוי... און מ'מאכט אוועק זאכן. ממילא נעמט מען נישט די זאכן ערנסט. די עצה פון ברכת המזון איז זייער זייער גוט, אבער מ'דארף געדענקען אז ס'איז באמת אזוי, האלט שטארק די ריכטיגע price tag, געדענק אז דאס איז זייער חשוב, ממילא וועסטו דאס באמת אננעמען, און דו וועסט זען ניסים גלויים.